# מגנזי המלך

**פרשת ואתחנן תשפ״א לפ״ק**
**| גליון ד׳ |**

עובדות מוכיחין, שסיפר רבינו בנועם
שיחין, בסעודתא דחקל תפיחין


### סיפורי קודש שסיפר כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א אודות

# הגה״ק רבי צבי הירש מליסקא זי״ע

**רבינו:** דער ליסקער רב איז געקומען קיין אוהעל אויף די יארצייט פון זיידן ז״ל (כ״ח תמוז), האט ער געזעהן דער ישמח משה שטייט אין בענטשט.[1]

**האדמו״ר מליסקא:** ער האט דעמאלטס נישט געוואלט בלייבן געזעגענען די עולם.

**רבינו:** ווייל ער האט געוואלט אהיים נעמען די ברכה.

**האדמו״ר מליסקא:** דאכט זיך אז דער ייטב לב האט אמאל געזאגט פאר ר׳ וואלף (הגה״צ רבי זאב וואלף גאלדבערגער זצ״ל) וואס איז געווען א אייניקל, איך האב נישט געגלייבט אז אייער זיידע האט נאכגעקוקט מיין זיידע אזוי פיל און אזוי גוט אליינס...

**רבינו:** דער ליסקער רב (הגה״ק בעל אך פרי תבואה ז״ל) איז אמאל אריינגעקומען צום ישמח משה, און ער איז געווען אין פאדערשטן צימער, האט ער געהערט ווי דער ישמח משה לערנט מיט איינעם אויפן קול, איז ער נישט אריין צו שטערן דאס לערנען, נאר ער האט געווארט אינדרויסן, שפעטער איז קיינער נישט ארויס געקומען, ער איז אריינגעקומען האט ער געזעהן ווי אזוי דער ישמח משה זיצט אליינ׳ס אין צימער, האט ער געפרעגט אז ער האט דאך געהערט דא איינעם לערנען, האט דער ישמח משה געענטפערט אז די משנה זאגט (אבות פ״ג מ״ו) אז אפילו אחד יושב ושונה לערנט דער אויבערשטער מיט מיט אים.

**דער פסוק זאגט ׳נוכח פני ה׳... [כן דרשו חז״ל (תנא דבי אליהו רבה פרק יח) על הפסוק (איכה ב, יט) שפכי כמים לבך נכח פני ה׳, מכאן אמרו כל תלמיד חכם שיושב בינו לבין עצמו וקורא ושונה, כביכול הקב״ה יושב כנגדו ושונה עמו].[2]**

**האדמו״ר מליסקא:** צו דעם האט מען אויך געדארפט זיין א בעל מדריגה, דאס צו הערן...

**רבינו:** איך שטעל מיך פאר ס׳איז געווען אנדערע אידן וואס זענען אויך געשטאנען ביים טיר, און זיי האבן דאס נישט געהערט.

**האדמו״ר מליסקא:** דאכט זיך אז ס׳איז ביים זיידן אויך געווען ביים ישמח משה, אז מען האט שפעקולירט וואס טוהט א רבי ווען ער איז מיט א פארמאכטע טיר, זאגט ער וואס הייסט וואס ער טוט, ער זיצט אין לערנט, פון וואו ווייסטו, זאגט ער ווען נישט וואלט ער נישט אויסגעזעהן ווי ער זעהט אויס...

**רבינו:** דער ליסקער רב האט געזאגט א מורא׳דיגע זאך, אז ער דערקענט וועלכע קינדער וואו דער ישמח משה איז געווען סנדק, ס׳איז נישט פשוט.

**האדמו״ר מליסקא:** ס׳איז טאקע מורא׳דיג, ער זעהט א איד גייט אין גאס, קען זיין פופציג יאר אלט און מ׳האט דערקענט אויף אים.

**דאכט זיך מיר אז דער סאטמארער רב ז״ל, אזוי זאגט מען נאך, אז דער ריסקעווער רב האט געמאכט א ווערטל וועגן סנדקאות... האט ער דערציילט די מעשה בשעתו.[3]**

**רבינו:** ס׳איז געווען א מורא׳דיגע מעשה ביים ליסקא רב, ס׳איז געקומען אמאל א איד א ארימאן, און דער ליסקא רב האט אים זייער מקרב געווען, האט עמיצער געפרעגט דעם ליסקא רב פארוואס ער איז אים אזוי שטארק מקרב, ס׳איז געווען עפעס אויסטערליש א

---

1. ע׳ בספר אלה מסעי מה שסיפר מרן רביה״ק בעל דברך משה ז״ל שהרה״ק רבי צבי הירש מליסקא זי״ע תלמידו המובהק של מרן הישמח משה היה נוהג בכל שנה ושנה לבא להשתטח על הציון הקדוש באוהעל ביום ההילולא, ואחר כך היתה דרכו להיכנס אל תוך העיר לקבל פתקאות מקהל החסידים שבאו להתברך מפ״ק, פעם אחת תיכף אחר צאתו מן הציון הקדוש שב לדרכו לליסקא מבלי הכנס העירה כדרכו, וכשנשאל לפשר הדבר השיב הרה״ק ואמר שראה את מרן הישמח משה עומד אצל הציון בידים פרושות ומברך את כל הקהל בכל מיני ישועות ובכן הרי ברכותיו שלו הם אך למחסור.

2. ע׳ בדברי יואל (פ׳ נשא עמ׳ קצד.) עובדא ידענא בק״ז הגה״ק בעל ישמח משה זלה״ה שפעם אחת בא אליו הרה״ק מליסקא זלה״ה ולא היה יכול להכנס לחדרו שהיה הפתח סגור, והמתין מחו לדלת, ובתוך כך שמע מחדרו הקדוש איך שהוא לומד, ונשמע קולו ועוד קול אחר עמו, והיה הרה״ק מליסקא כסבור שהוא לומד עם איש אחד, וכאשר פתח לו הדלת לא ראה שום אדם זולתו, ותמה מאד, ושאל אותו על כך שבהיות הפתח נעול נשמעו ב׳ קולות לומדים, והשיבו ק״ז זלה״ה וכי אין ידוע לך מאמרם ז״ל כל ת״ח שיושב בינו לבין עצמו וקורא ושונה כביכול הקב״ה יושב כנגדו וקורא ושונה עמו.

3. עיין בקונטרס יבוא שלום (עמ׳ רצ״ג) שסיפר הגה״צ מאודווארי ז״ל כי פע״א אמר הגה״צ מריסקעווע ז״ל למרן רבינו ז״ל כי נוטל את כל הסנדקאות מהרבנים, ושתק רבינו, ואח״כ פתח ואמר כי הרה״ק מליסקא בעל אך פרי תבואה הכיר על פני האנשים אשר הישמח משה היה סנדק שלו, והבין הרב מריסקעווע כוונת רבינו ולא שאל עוד.

ועי׳ כנ״ל בגליון זקניך ויאמרו לך, בשם הרה״ח ר׳ יחזקאל הלוי ווערצבערגער ע״ה, משמש: איך בין געווען אמאל ווען דער ריסקעווער רב זצ״ל האט געמאכט א ברית פאר צווילינג-אייניקלעך וואס זענען געבוירן געווארן צו זיין זון הרה״ח ר׳ פנחס יודא הי״ו. ביי איין ברית איז דער רבי רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע געווען סנדק און ביים צווייטן ברית איז דער ריסקעווער רב געווען סנדק. ביי די סעודה האט זיך דער ריסקעווער רב אנגערופן צום רבי׳ן אז היינט איז זייער שווער פאר א רב צו האבן א סנדקאות ווייל יעדער וויל האבן די זכי׳ אז דער רבי זאל זיין סנדק ביי זיין קינדס ברית... האט זיך דער רבי אנגערופן אז הרה״ק רבי הערשעלע ליסקער זי״ע האט זיך אויסגעדריקט אז ער האט דערקענט אויפ׳ן שטערן פון יעדעס קינד ביי וועמען דער הייליגער ישמח משה זי״ע איז געווען סנדק. ווי נאר דער רבי האט ארויס געזאגט די ווערטער איז ער בלאס געווארן, און ער האט גארנישט גערעדט, עס האט אויסגעזען ווי ער האט זיך בטעות ארויסגעכאפט די ווערטער און ער האט געוואלט צוריקציען. ווייטער ביי יענע סעודה האט שוין דער רבי ווייטער גארנישט געשמועסט.

ועיין גם בס׳ בית ישראל מהגאון רבי ישראל טויסיג ממאטעסדארף ז״ל, שכ׳ וז״ל: עוד שמעתי מעשה מאדמו״ר מסאטמאר זצ״ל שנהגו חסידיו לכבדו בסנדקאות, פעם אחת בא אליו אחד מחסידיו שנולד לו בן זכר וביקש ממנו לוותר על הסנדקאות לטובת אביו שהוא רב מפורסם, השיב לו האדמו״ר זקני בעל ישמח משה זי״ע היה אומר במקום שאני סנדק ניכר הדבר בהילד.

מילתא דלא שכיחא, האט דער ליסקער רב פארציילט, ווען ער איז געווען א יונגערמאן האט ער באקומען חשק צו זיין ראש השנה אין בעלזא, געלט האט ער נישט געהאט, איז ער געגאנגען, און אזוי גייענדיג האט ער זיך מיט געכאפט ווי ער האט געקענט, שוין געווען ערב ראש השנה ווען ער איז אנגעקומען קיין לעמבערג, האט ער געהאט א געשוואלענעם פיס פון אזוי פיל גיין צופיס, ממש אזוי פיל איז ער געגאנגען, הכלל ס'איז שוין ערב ראש השנה און ער איז נאך אין לעמבערג, האט ער פראבירט צו פרעגן צו ס'פארט א וואגן קיין בעלזא, האט מען אים געזאגט יא נאך א שעה ארום, איז ער געגאנגען פרעגן ווער ס'פארט און אז ער וויל מיטקומען, האבן זיי געזאגט זייט מוחל און באצאלט א חלק, אבער ער האט נישט געהאט, האט ער מחליט געווען ער וועט גיין נאך געלט, נו ווי זאל ער גיין, איז ער געגאנגען אין די געשעפטן, בימים ההם אז מען איז געגאנגען נאך געלט, אמאל האט מען געגעבן געלט, אמאל האט מען געגעבן סחורה, מען איז געגאנגען אין א געשעפט, האט מען געקענט באקומען א נאדל, נאדיר א נאדל, דעם נאדל האט מען געקענט פארקויפן און עפעס באקומען, אזוי איז מען געגאנגען פון איין געשעפט צום אנדערן, מען האט געפרעגט ווילט איר סחורה אדער געלט, אזוי האט מען געגעבן, דער האט אים געגעבן א נאדל, דער האט אים געגעבן א שטיקל פאדעם, דער האט איהם געגעבן א שטיקל שמאטע, דא האט ער געזעהן אז די צייט ריקט' זיך, שפעטער איז אריין געקומען אין נאך א געשעפט, יענער האט אים אויך געוואלט געבן עפעס, אזוי האט ער געזעהן אז ער וועט דעם וואגן שוין נישט קענען מאכן, ער האט זיך צווינט.

פרעגט אים דער איד וואס וויינסטו אזוי, זאגט ער, ער פלאגט זיך אזוי שוין א לאנגע צייט, אזויפיל געגאנגען צופיס, און ס'איז ערב ראש השנה און איך האב נאך איין וואגן וואס פארט קיין בעלזא, און איך האב נישט צו צאלן, די גאנצע הארוואניע גייט לריק, דער איד האט אים זייער געשוינט, און אים געפרעגט וויפיל קאסט דאס, ס'איז נישט געווען קיין גרויסע געלטער, נאר ער האט עס פשוט נישט געהאט, האט ער אים געזאגט איך געב אייך דאס גאנצע וואס פעלט, איך זעה איר זענט אזוי בצער, איך שוין אייך זייער, ער האט אים געגעבן דאס געלט, און ער איז געפארן קיין בעלזא. דער איד איז שפעטער געווארן א גרויסער יורד, ער איז געפארן נאך געלט, יעצט איז ער אנגעקומען דא צו מיר אויף שבת, זאל איך אים נישט מכבד זיין, ער האט זיך אויסגעדרייט צו דעם איד, אפשר געדענק איר די מעשה, זאגט ער אז יא.

האדמו"ר מליסקא: פון דעם האט ער זיך ארויס געלערנט, אז מען וויל העלפן דארף מען אינגאנצן העלפן א איד, און נישט קיין האלבע ארבעט, דאס איז די תוכן פון די מעשה.

סיפורי קודש שסיפר כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א אודות

# הגה"ק רבי מאיר נתן האלבערשטאם זי"ע

**רבינו:** דער דברי חיים האט געהייסן שרייבן אויף די מציבה פון זיין זון רבי מאיר נתן 'נכד החכם צבי'.

**האדמו"ר מבאבוב:** דער צאנזער זיידע האט אליין געשריבן די מציבה, און ער האט געשריבן אויף איהם 'האדם הגדול בענקים'... אויף א אינגערמאן האט ער געשריבן אזא טיטול.

כ'מיין אפשר מעג מען זאגן אז ער איז נסתלק געווען, ס'איז דעמאלטס געווען א אונטערגאנג ל"ע, און ער איז ארומגעגאנגען און עוסק געווען אין גמילות חסדים און ביקור חולים, די גמרא זאגט דאך אז דאס איז געווען די מידה פון אברהם אבינו, וועגן דעם האט ער געשריבן האדם בענקים.

עכ"פ דער צאנזער זיידע האט אויך געשריבן אז ער איז אן אייניקל פונעם מהרש"ל.

**רבינו:** "מגזע המהרש"ל ונכד החכם צבי".

כ'האב געהערט פונעם טאטן ז"ל אז דער דברי חיים האט געהייסן אויפשרייבן נכד החכם צבי, ווייל ווען די חיצונים הערן דעם נאמען פונעם חכם צבי אנטלויפן זיי.[4]

**האדמו"ר מבאבוב:** ער האט דאס געזאגט אויף די ביידע. דער מהרש"ל איז געווען א שארפער, און די חיצונים האבן פאר אים מורא, האט ער געזאגט אויפן חכם צבי די זעלבע זאך, אזוי ווי ער האט אזוי געשריבן אויף רבי מאיר נתן האבן שוין אלע צאנזער אייניקלעך אזוי געשריבן.

**רבינו:** בנוגע די מעשה מיט די מגיפה ווען רבי מאיר נתן איז נפטר געווארן, עס איז דעמאלטס געווען א מגיפה אין גאליציען, אין ייטב פנים איז דא א תורה וואס ער האט געזאגט ראש השנה נאך אלס רב אין גארליץ, אז עס איז געווען א מגיפה און ער איז ניצול געווארן.[5]

כ'האב אבער געהערט פון ר' אברהם ווערצבערגער ע"ה וואס ער האט דאס געהערט פון זיין שווער אז ווען ער איז געווען אין סיגעט אויף ראש השנה איז געקומען א איד פון גארליץ קיין סיגעט, יענער איז שוין געווען אן עלטערער איד, האט יענער דערציילט אז ער איז אמאל אהיימגעקומען שפעט אויפדערנאכט אין שטאט, און ער האט געדארפט אריבערגיין דעם בית החיים, האט ער ארויסגעהערט קולות פון בית החיים, האט ער זיך זייער דערשראקן, ער האט אבער געמוזט אריבערגיין, ווען ער איז געקומען נענטער האט ער דערקענט די שטימע פונעם רב, דער ייטב לב וועלכער איז דארט געווען רב, ס'איז אים געווען זייער אויפפאלענד, ווען ער איז געקומען נענטער האט ער באגעגענט דעם ייטב לב, ער האט געזעהן ווי ער איז מקיף דעם בית החיים איינער אליין אינמיטן די נאכט, און ער האט איהם דערזעהן האט ער אים געזאגט "כאפ זיך אן אין מיין גארטל און ס'וועט דיר גארנישט פאסירן".

דער ייטב לב איז ארומגעגאנגען דעם בית החיים מיטן שטעקן און ער האט געשריגן (דער ייטב לב האט גערעדט מיט א שטארקן גאליציאנער רי"ש) "ארויס פון מיין שטאט! ארויס פון מיין שטאט!", און דער איד איז מיטגעגאנגען ארום דעם בית החיים.

---

עמדין ז"ל שהלך בדרכיו, ומסיים ע"ז: ואנו ממשפחתו ומיו"ח מקנאי קנאת ה' וכו', עיי"ש דברות קודש מלהבות אש.

ואגב עיין בס' שיח זקנים (ח"א) מביא בשם הרה"ק הקדושת ציון ז"ל שהרה"ק מצאנז היה רגיל לספר שפע"א שלח החכם צבי לשרוף בית הדפוס באמסטערדאם כי הדפיסו ספר של מינות שהוא נתן עליו הסכמה בטעות, וע"כ החליטו להרגו רח"ל, והסוררים שלחו בחור א' בשם אנטשיל מאיר שישליך את הגאון החכם צבי לים רחמנא לשיזבן, וכשהגיע ליד החכם צבי נבהל ממנו, והתודה לפניו על כוונתו, והחכם צבי הבטיח לו עשירות עד סוף הדורות, והוא היה השר ראטשילד.

ועיין עוד בסו"ס אהל אברהם דף כ"ז: (תולדות הרה"ק רבי אביש מפראנקפורט זצ"ל) מעתיק מכתב שכתב מרן הק' מצאנז זי"ע להשר הגביר ר' יעקב ראטשילד מעיר הבירה וויען שישתדל עבור יהודי אחד שרצו לשפטו בעונש כבד, וזלש"ק: "...ידוע למר כי כל ברכת החשיבות והעשירות שלכם, נמשך מדורי דורות אשר אם זקן שלכם נתברך מפ"ק זקיני הרב גאון עולם ורשכבה"ג מרן החכם צבי ז"ל, ואני מנכדיו מכמה צדדים, ולעולם לא בקשתי מכבודו שום טובה או גמול, רק כדי להחיות נפש מישראל שהוא כאילו קיים עולם מלא, הנני מבקש שיבוא אל שער המלך, ובחשיבותו יפעול עבור האיש, ותחשב לו לצדקה עד דור אחרון..." עיי"ש.

4 עיין בס' עדות ביעקב מש"כ בנו היעב"ץ וז"ל: "וכן היה אהוב לכל העם מקצה, עם שהיה יראוי ומאויים ואימתו מוטלת עליהם כמו איש אלקים קדוש, וקנא קנאת ה' צבקות תמיד", עיי"ש.

ועיין בס' חמדה גנוזה (ח"ב עמ' ל"ז) סיפור נורא איך שבעה"ב א' מתושבי העיר אמסטערדאם רצה להרוג את החכם צבי ר"ל מחמת גודל תקיפותו, עיי"ש באריכות.

וידוע מ"ש מרן רבינו ז"ל בס"ג שנת תשט"ז (פר' וארא ד"ה ונפלאים ומבהילים) על בנו של החכם צבי ה"ה הגה"ק מהר"י

5 עיין שם שמאריך בענין שהקב"ה מטיב עם ברואיו בזכות מה שעתידים להטיב מעשיהם והקב"ה מצרף לזכותם גם מה שעתידים לעשות מצוות ומעש"ט, עיי"ש באריכות, ומסיים שם בזה"ל: "דרוש זה אמרתי בגארליץ בראש השנה אחר שנה שהיתה בו מגיפה ר"ל, ובחמלת ה' נצלנו, נודה לאלקינו שהחיינו וקיימנו הוא עשנו ולו אנחנו", עכ"ל.

## סיפורי קודש שספר כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א על

# הגה"ק רבי סענדר'ל קאמארנער זי"ע

**דיברו אודות האוהל הק' על מנוחת קדשם של הגה"ק בעל ישמח משה ז"ל והגה"ק רבי אלכסנדר סענדר מקאמארנא זי"ע, שמרן הישמח משה ז"ל מונח באמצע האהל, ולימינו - בשמאל האהל - מונחת מחברתו הרבנית הצדיקת מרת חי' שרה ע"ה ולשמאל קברה של הרבנית בהפסק כמה אמות, סמוך להכותל נטמן הרה"ק רבי סענדר מקאמארנא ז"ל**

**האדמו"ר מראפשיץ: פארוואס האט מען נישט געלייגט דעם ישמח משה ממש דערנעבן (אצל הרה"ק מקאמארנא ז"ל)?**

**רבינו: דער ישמח משה האט געלייגט זיין רעביצין דארט.**

**האדמו"ר מראפשיץ: אבער ס'איז נאך דא פלאץ אינצווישן זיי?**

**רבינו: די רעביצין קומט צו די רעכטע זייט.**

**רבי סענדער'ל קאמארנער איז דאך נפטר געווארן אסאך פריער.**

**האדמו"ר מראפשיץ: ס'איז דא א שמועה אז ער האט געזאגט אז וויל דארט ליגן ווייל ער זעהט דארט א יעדן ערב שבת א עמוד של אש.[10]**

**רבינו: די רעביצין פונעם ישמח משה איז נפטר געווארן מער ווי א יאר פאר אים, זי איז נפטר געווארן ערב ראש חודש ניסן שנת ת"ר, האט ער דאך איר דארטן אהין געלייגט, און ער האט געוואלט ליגן אויף די זייט, אז זי זאל זיין צו די רעכטע זייט, ממילא ליגט זי דארט, און ס'איז נאר אין איין אוהל.**

**כ'ווייס נישט ווען מ'האט געמאכט דעם אוהל, אפשר איז ער (הרה"ק מקאמארנא) געליגן אן קיין אוהל, ס'זעהט אזוי אויס, ווייל אינעם אוהל איז דער ישמח משה אינמיטן, און רבי סענדר'ל קאמארנער איז אין עק (בצד השמאלי אצל הכותל), ס'זעהט אויס אז דעם אוהל האט מען אזוי געבויעט, ווען נישט וואלט אנדערש אויסגעקומען דער אוהל, איז עס לכאורה געבויעט געווארן פארן ישמח משה.**

**האדמו"ר מראפשיץ: אין שנת תר"א.**

10 בתוך האוהל הקדוש לשמאל הישמח משה מונחת מחברתו הרבנית הצדיקת מרת חי' שרה ע"ה (בת רבי ניסן, נפטרה ער"ח ניסן שנת ת"ר). ולשמאל קברה של הרבנית בהפסק כמה אמות, סמוך להכותל נטמן הרה"ק רבי אלכסנדר סענדר מקאמארנא זי"ע (ב"ר יצחק אייזיק מסאפרין, נסתלק כ"א מנחם אב תקע"ח), וכותב בנו הרה"ק מקאמארנא בספרו מגלת סתרים, שכאשר הרגיש שהגיע עת פטירתו, נסע למדינת אונגארין לק"ק אוהעל ונפטר שם, ובשעה שגופו הטהור היה מונח על המטה לפני הקבורה, ביקש ממנו מרן הישמח משה שיתפלל על גזירה רעה לבטלה, וראו איך שגופו נזדעזע שני פעמים כמו בחיים חיותו, ועמוד של אש נראה על קברו ערב שבת אחר חצות עד לב השמים, עכ"ד.

ובהסכמת מרן הגה"ק בעל ישמח משה ז"ל על ספר עשירית האיפה מבנו הרה"ק רבי אייזיקל מקאמארנא ז"ל כותב הישמח משה שבחים גדולים ועצומים עליו ועל ספרו, ומסיים דברי המדבר בצדקה לכבוד התורה ולכבוד הצדיק הרב הגאון אבי המחבר אשר ספון וטמון פה עירינו וכו' שנת בירושלים וכו'.

**הרה"ח ר' חיים אלטער בראך: ווען איז נפטר געווארן רבי סענדר'ל קאמארנער?**

**רבינו: אסאך פריער (כ"א מנ"א שנת תקע"ה לפ"ק).**

**הררח"א: ס'איז דא א מעשה מיט רבי סענדער'ל אין סיגוט.**

**רבינו: יא, ס'איז א מעשה פלא, דער טשימפער רב (הג"ר משה דוד עסטרייכער ז"ל) פלעגט פארציילן די מעשה (והיא לו נדפסה בהקדמה לספרו שו"ת תפארת אדם חלק א').[11]**

**רבינו: רבי סענדער'ל קאמארנער האט אויך געהאט רדיפות אין אוהעל.**

11 וז"ל שם: שמעתי מפי מגידי אמת שהה"ק ר' סענדר'ל נתכבד פ"א בקריאה של חיבה על שבת לעיר סיגעט ומשם לק"ק אוהעל, ובעת שהי' בשבת בסיגעט הי' עולם גדול על שב"ק, ובליל שבת בא הגאבדק"ק סיגעט (זה הי' קודם שבא לשם הגה"ק בעל ייטב לב והי' ג"כ גאון גדול) ג"כ לשלחנו, וישב בראש השולחן אצלו, וכעת שנתנו הרוטב נפל זבוב להקערה, ולקח כף וזרק הזבוב לחוץ וכו' והרב האבדק"ק שם אמר 'נא חילול שבת', והשיב הה"ק הנ"ל מסתמא אם בא הזבוב לכאן על שולחן הזה הי' צריך לתיקון, וצעק הגאב"ד חלילה זה הוי חילול שבת ממש, ונתרגש הה"ק ר"ס הנ"ל ואמר כאן אנחנו על הדרך אי"ה באשר נהי' בביתי בעזה"י אז נתחשב עמו, ואמר הרב אנחנו מקווים כי לא יזכה לבוא לביתו בחיים, ואמר הרה"ק ר"ס א' מבניו של הרב אבד"ק ישתמד א"ע ר"ל, ואז תומ"י ברכו בהמ"ז ונתפרדו איש מעל אחיו. ובשבוע הבא באו מעיר אוהעל לקראתו ונתנו לו חדר מיוחד, ושם הי' ל"ע מזיקים, והגבאי והמשמשים לנו בחדר אחר. פתאום שמעו קול צווחה ורצו במרוצה ומצאו אותו שכבר נחלש מאוד ונתעלף, רק זאת אמר חבל לי על בעה"ב, אם הי' אומר לי קודם הייתי יכול לגרשם מכאן ואז הי' טוב לו וגם לי, אבל בלי הכנה בפתע פתאום לא הי' יכול לגרשם, ונסתכן ומת שם ונקבר בעיר אוהעל, כך שמעתי [ונראה שפגעה בו קללת חכם אב"ד הנ"ל, ע"כ הסבו מן השמים שלא יוודע לו].

אח"כ ברבות הימים נסתלק אבדק"ק סיגעט הנ"ל, ונתקבל לשם הגה"ק בעל ייטב לב זי"ע, ויהי כי ארכו הימים, פתאום נשמע קול שא' מישראל אדם נכבד איבד א"ע לדעת ר"ל, ואמר הגאבדק"ק הייטב לב שרוצה להספיד אותו, ורננו כל העיר הלא מאבד עצמו לדעת אין לו חלק לעוה"ב, ובשעת ההספד אמר הייטב לב ידעתי כי תמיה בעיני כל העולם על אשר אני מספידו, אמנם אספרה נא מעשה ה' כי נורא הוא, ואז סיפר המעשה הנ"ל. והוסיף הנה בני הרב האב"ד הנ"ל היו איזה אחים ביחד ומתו כולם, ולא נשאר רק אחד, ואותו האחד הנשאר בא אלי, וסיפר לי כל המאורע הנ"ל, ואמר שכל זמן שהי' איזה אחים יחד, אמרנו כל אחד ידחה את היצה"ר לאחיו כי לא אמר דוקא עלי, וכן הי' כי באה להם מחשבת פיגול מחשבת שמד ר"ל, ודחינו כ"א שילך לחבירו ובזה נצלנו קצת, אבל עכשיו כולם מתו ולא נשאר אך אחד, וידעתי כי א"א לי לעמוד נגדו, ובכל עת הוא מרגיש מחשבת פיגול כנ"ל, וא"א לסבול ע"כ הוא שואל ומבקש שאלה אם יהי' ח"ו עת אשר יראה כי כלתה אליו הרעה ח"ו האם מותר לו לאבד א"ע לדעת שלא ישתמד ח"ו עצמו ושלא יהי' ח"ו חילול השם גדול שכן רב גדול יעשה זאת וכו', ואמרתי לו כי אם יראה כי כלו כל הקיצין ולא יהי' לו עצה כלל מותר עפ"י הלכה, וכן עשה, א"כ אדרבה הוא קדוש ישראל שמסר נפשו על קידוש השם וכו', עיי"ש נוראות.

**די וועלט פארציילט אז אין אוהעל איז געווען א גאנצע חברה וואס האבן געוואלט מאכן א עלילה, און מ'האט געזוכט ווער ס'וויל זאגן פאלטשע עדות ביים בית דין אויפן בלבול, און מ'וועט באצאלן, און דעם ליסקער רב'ס מאמע איז געווען א ארימע אידענע, האט מען עס פאר איר אנגעטראגן, און זי האט עס אנגענומען, איז מען געקומען צו איר און פארגעלייגט א גאנצן פלאן, כאילו א גאנצע פאסירונג וואס האט פאסירט, האט זי געזאגט 'יא, פאר געלט נעמט זי דאס אן'.**

**הכלל, מ'האט געהייסן זי זאל חזר'ן די גאנצע מעשה וואס זיי האבן אויסגעטראכט, נאר ווען ס'האט שוין אלעס געקלאפט, האט אויפגעפלאצט אזא מין מורא'דיגע מעשה אויף א רבי'ן אז ער איז ח"ו א בעל עבירה, האט מען געזעצט א בית דין, און בית דין האט איר גערופן, און זי איז געקומען עדות זאגן, און ווען מ'האט איר אנגעהויבן אויסצופרעגן, האט זי געזאגט אז דער און דער האט איר געדינגען און דער האט איר באצאלט און דער האט איר געלערנט און דער האט גע'חזר'ט, און זי האט אראפ געווארפן אויף די ערד פאר'ן בית דין דאס געלט וואס זי האט באקומען... אזוי איז רבי סענדער'ל קאמארנער ניצול געווארן פון א גרויסע בזיון.**

**האט איר איינער פון בית דין געפרעגט 'אויב דו האסט נישט געוואלט עדות זאגן, פארוואס האסטו עס אנגענומען?', האט זי געזאגט אז זי האט מורא געהאט אז אפשר וועט עס איינע אננעמען וואס וועט נישט עומד זיין בנסיון, וועגן דעם האט זי עס אנגענומען.**

**און ער האט איר דעמאלטס אנגעוואונטשן, און נאכדעם איז רבי הערשעלע ליסקער געבוירן געווארן, האט מען געזאגט אז רבי אייזיקל קאמארנער האט געזאגט אויפן ליסקער רב אז ער איז זיין ברודער.[12]**

12 ויש להעתיק מה שכתב נכדו של הרה"ק מליסקא ז"ל בספרו דרכי הישר והטוב וזה לשונו: בסוף הימים הי' רגיל לבוא לאונגארין הר' הגאון הק' המפורס' מו"ה יצחק אייזיקל זצ"ל מקאמארנע יע"א ולהיות באונגארן איזהו שבתים קודם הימים הקדושים, ונאספו אליו רבים מהחסידים ואנשי מעשה, ואא"ז (הרה"ק מליסקא) זצ"ל הי' נוסע ג"כ אליו על שבת אחת, וכתב עליו שראה שבמקומות שנסע הרב הצדיק הנ"ל זצ"ל אפי' הבעלי בתים המה יראי ה'.

ואני ראיתי שכאשר בא אליו אא"ז זצ"ל שעמד הרב הצדיק זצ"ל מעל כסאו בזריזות לקראתו, וברך ברכת שהחיינו בשם ומלכות על אא"ז זצ"ל.

ושמעתי פ"א ממשמשיו שספרו לנו שהרב הצריק זצ"ל הי' בש"ק באשמורת מעט כמו שקורין 'צוגעלעגט', ופתאום בא אליו שמחה עצומה ואמר אני מרגיש שהרב הצדיק מליסקא נסע מביתו כעת ובא אצלינו.

והנה יש תחת ידי כתב יד מהרב הקדוש הנ"ל אשר כתב בעצמו אל אא"ז זצ"ל, וז"ל: פ"ש כתר ראשי אהבת לבבי נפש קשורה בנפש בזה ובבא בבת עיני הרב אוהב ישראל בוצינא כ"ש מו"ה צבי בן שרה יאריך השם ימיו ושנותיו בטובת ושמחת ישראל. ידידו אמת לעד קשר אחד יצחק אייזיק יצחק יהודא יחיאל בן חנה לרפואה, עכלש"ק.